# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. X. No. 3 — 50 CENTS A YEAR — NOVEMBER, 1927

## LEVINE KISSES POPE'S RING

Levine flew across the Atlantic with Chamberlin. He is thus the first, and so far the only, Jew who accomplished the great feat. The European nations were generous and even lavish in their outpouring of welcome and good will. We think he earned it all, and certainly we would not begrudge him a whisper of all the praise he received. Of course, whether he showed good taste in the way he took advantage of the kindness shown him, and in the way he used these courtesies for self-exploitation, that is another question, and one which we will leave to the good judgment of every straight thinking Jew. It needs only to be remembered that the one thing which endeared Lindbergh to the hearts of millions, was his amazing **modesty,** a trait which we have found ourselves wishing many times recently that Mr. Levine might possess and manifest.

### Jewish Praises High

But what we want particularly to point out, is that none were so loud in their praise of Levine as were the Jewish newspapers of America. "Our Levine," was the affectionate and patronizing way they all spoke of him. And whatever he did, and wherever in Europe he went, "Our Levine" was praised to the skies.

And then one day we were shocked to read in the New York Times "Our Levine" had actually secured an audience with the Pope of Rome, and had gone in and had knelt down to this man, for the Pope is only a man the same as you are, and had kissed the Pope's ring, and thus had committed blasphemy against God; for God commanded us not to worship human beings, but we must worship only Him! And after that shameful act, Levine told some reporters that this had been the "greatest experience of his life." And that he had been "flabbergasted," whatever that means.

### Jewish Papers Silent

Now did the Jewish papers condemn, or even mildly criticize Levine for this treason to God's law? No! not even a word! When the Lord Jesus Christ was here on earth in the body, He told our Jewish forefathers that He was the Son of God, and that He was God—all of which was the truest things they ever heard in their lives. But did they praise Him? No, they shouted, "Crucify Him! Crucify Him!" Now just see how blind are our Jewish leaders; the Lord Jesus Christ came down from heaven, and for three years He healed the sick, gave sight to the blind, forgave the sins of those who came to Him, and raised the dead! He always went about doing good. And because He told them He was God, for every thinking Jew must have known that any one who could raise the dead **must** be God, they cursed Him, and shrieked "Away with Him!"

But here comes Levine, who goes to a mere man in Rome, bows down and worships him—a sin for which the Jewish law prescribes death as the penalty; and because he flew across the ocean, the Jews **praise** him! How twisted have our minds become!

### Pope Not Christian

But we will say nothing more about that. Let every thinking Jew ponder it out for himself, and let him ask God to give him sense and wisdom. What we really want to do is to explain clearly to every Jew who may not understand, that there is a vast difference between real Christians and those who call themselves Christians.

First of all, every Jew knows that we must not worship any man. The Pope thinks that he has authority to be a Pope from one of the first disciples of the Lord Jesus Christ. The name of that disciple was Peter, and according to the unproven claims of the Pope, he thinks that Peter was the first Pope. Of course this is not true, for Peter never was a Pope. But, suppose we let that question alone, just for the sake of getting at our point more quickly; and let us instead examine a remarkable piece of history. In acts 10 we find that a gentile, Cornelius, first heard about the Lord Jesus Christ from Peter, a Jew; Cornelius was so happy and grateful, that he fell down and worshipped Peter. But see what happened:

> "And as Peter was coming in Cornelius met him and fell down at his feet, and worshipped him. But Peter took him up, saying, Stand up: I myself also am a man."

### No Man To Be Worshipped

So you see a startling thing. Peter was shocked, and cried "Stand up! I myself also am a man!" So while Peter was a believer in the Lord Jesus Christ, and God even did miracles through him, yet when someone bowed to him in worship he shouted "Stand up!" Now if the Pope really were a follower of Peter and a believer in Jesus Christ, he would never allow any man to worship him: he would say "Stand up! I also am a man! Worship God only, thru the Lord Jesus Christ!"

### Jewish Bloodshed

And then Levine must have forgotten, or maybe never knew, those terrible, unspeakably frightful years when the Roman Catholic Church, obeying orders given by the Popes, took and tortured our forefathers, and burned crosses on their arms, and drowned them, and burned them alive, and poisened them, and inflicted horrors upon their women and children too vile to print. Every Jew should know that Christians **could not** do such things. The Lord Jesus Christ told his followers to show kindness and love and mercy always. And that is how you will know a true Christian—he really loves the Jews. There are not many true Christians in the world, it is true. But this is exactly what the Lord Jesus Christ foretold, that there would only be a few. Just as it was in the days of Noah, the Lord Jesus Christ said, so will it be in these last days. The great majority will reject God and His Son. the Lord Jesus Christ; but God always has his few, who will obey him.

Which side are you on reader? Will you not decide now, today, before it is too late.



**BETH SAR SHALOM**

Throop Avenue and Walton St.
Brooklyn, N. Y.

### ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

אין דעם וואָס מיר האָבען אייך צו אָפּערען? מיר רופען אייך ווייל מיר האָבען צו וואָס. מיר וועקען אייך ווייל איהר שלאָפט . . . אנדערע וואָס געפינען זיך אין זעלבען שלאָפענדיגען צושטאנד, זיי וועקען אייך ניט, זיי שלאָפען מיט מיט אייך, אָבער מיר וואָס האָבען אויפגעוואכט פון דעם לאנגען שלאָף וועקען אייך, שטעהט אויף און הערט אונז צו.

די שטימע פון גאָט האָט אונז אויפגעוועקט פון דעם פאר'כישוף'דיגען שלאָף און אונז אהין געפיהרט צו דעם בארג גלגולת, וואו אונזער גואל און משיח האָט זיך מקריב געווען פאר אונזערע אלע זינד. דאָרט האָבען מיר סליחת עון אין דם המשיח געפונען, די שטריק פון זינד זענען פּלוצים איבער־שניטען געוואָרען און ער האָט איינגעפלאנצט אין אונזערע הערצער „גלויבען, האָפנונג און ליעבע". יא, דאס איז וואָס מיר האָבען ערפאהרען, נישט נור אין קאָפּ נייערט אין אונזער הארצען, און אָט צו דעם וועקען מיר אייך און רופען אייך.

ווען מיר האָבען דאָס אלעס ערפאהרען האָבען מיר אויך באלד די גרויסע טראגעדיע פון אונזער פאָלק ישראל דערזעהן. דער צלב וועלכער איז גע־וואָרען דער זאמעלפּונקט פון אלע נאציאָנען, דער צענטרום פון דער וועלט, דער משיח, דער איד, דער ברודער פון אונזער פאָלק, פלייש פון אונזער פלייש און בלוט פון אונזער בלוט. זיין ליעבע צו אונזער פאָלק איז נישט נור ביז צום צלב געגאנגען נייערט אויך ווייטער. ווען ער איז שוין געהאנגען אויפ'ן צלב האָט ער געבעטען „פאָטער פארגיב זיי ווייל זיי ווייסען נישט וואָס זיי טקון". פאר איהם בוקען זיך איצט א וועלט מענשען און אנערקענען איהם אלס „משיח און גואל", דערזעלבער איז אָבער אויך נאָך היינט פארוואָרפען און פארהאסט פון די צו וועמען ער איז צוערשט געקומען און וועמעס נביאים האָבען אויף איהם אהין געוויזען. אה ווי שרעקליך און גרויזאם איז אזא טראגעדיע! אה ווי שרעקליך דאָס טהוט אונז וועה!

אָט דאָס, און דערפאר, איז אונזער רופען צו אייך און וועקען אייך — אהיים צוריק צו אייער גאָט, צוריק צו די נביאים, צוריק צום משיח, דאָרטען, יא נור דאָרטען קאָנען אלע אונזערע פראַ־גען געלייזט ווערען. די גייסטליכע, די נאציאָנאלע ווי אויך די מאטעריאלע. אָט דאָס איז אונזער רוף צו אייך.

און אויף אייערע טענות וואָס איהר פרעגט אונז: ווער זענט איהר? ווער דארף אייך הערען? ענטפערען מיר אזוי ווי עמוס האָט אמאָל געענט־פערט: מיר זענען קיינע נביאים, אויך נישט זוהן פון נביאים. אָבער דאָס הייסט נישט אז מיר דאר־פען אייך נישט רופען און וועקען. מיר קומען צו אייך נישט מיט אונזערע אייגענע ווערטער, מיט טעאָריעס פון אונזער פערשטאנד, נייערט מיט דעם דבר ד'. מיר זענען איינפאכע עדות וואָס האָבען דאָס אלעס ערפאהרען און מיר זאָגען אייך: „אדני יהוה דבר מי לא ינבא".

ד ו ד  ל י ע ב ה א ב ע ר.

## 100$ באלוינונג

**ווען איהר וועט בעווייזען וואו עס איז געשריבען אין דער תורה אז מ'זאל זאגען קדיש און אז דאס העלפט ארוים צו שלעפּען די טוי־טע פון גיהנום.**

---

# דער יאבלענער רבי און די ציוניסטען

מיט צוויי יאָהר צוריק איז געווען א גאנצער רעש צווישען די ציוניסטען ווי אויך אידען אין אלגעמיין וועגען דעם יאבלענער רבי. דר' חיים ווייצמאן האָט פּשוט געקוואָלען פון דעם יאבלענער רבי, און די ציוניסטישע אגענטען וועלכע אדרע־סירען אידישע אָרגאניזאציעס האָבען זיך דאמאָלס זעהר געגרויסט אויף אלע פּלאטפאָרמס וואו עס איז נור געשטאנען א ציוניסטישער רעדנער, בכן, דער גרויסער יאבלענער רבי ר' יחזקאל טויב האָט באשלאָסען צו געהן נאָך ארץ ישראל מיט הונדער־טע פון זיינע חסידים און זיך טאקע דאָרט באזעצען.

מיט דעם האָבען זיי געגעבען א בעוויז צו זייערע צוהערער אז דער ציוניזם איז שטארק און אנציהענד, והא ראיה, ער פארשפרייט זיך אפילו צווישען די גרויסע רביים.

אזוי איז טאקע אין אמת'ן אויך געווען. דער יאבלענער רבי מיט זיינע חסידים האָבען איינגע־זעהן אז ארץ ישראל איז דאָס ריכטיגע אָרט פאר זיי, ווייל דאָרט איז אויך געווען דאָס וויגעלע פון חסיד'יזם, און צו דערזעלבער צייט וואָס זיי וועלען זיך דערקוויקען זייערע נשמות אין דעם אָריגינעלען מקור פון קבלה און חסיד'יזם, וועלען זיי אויך גלייכ־צייטיג בעארבייטען די ערד. און פארוואָס דען נישט — האָט דער רבי גע'חלומ'ט — פונקט אזוי ווי אונזערע אבות האָבען באצויגען דאָס גייסטיגע חיות אין הייליגען לאנד און צו דערזעלבער צייט האָבען זיי אויך באצויגען דאָס מאטעריעלע לעבען דורך ארבייטען די ערד, אָט אזוי קאָנען מיר אויך טהון. דער רבי האָט אזוי לאנג געטראכט און גע־רעדט ביז ער האָט בעאיינפלוסט זיינע חסידים דערצו, וועלכע האָבען אלעס פארקויפט און פער־וואנדעלט אין בארעס געלד און זענען אין איין שעהנעם טאָג אוועק קיין ארץ ישראל וואו זיי האָבען געקויפט ערד, געשטיפטעט א קאָלאָניזאציע, דאָרט געארבייט מיט אלע זייערע כחות, גלויבענדיג אז אָט וועלען זיי מאכען א גאנצען טאראראם מיט זייער אונטערנעמונג.

דער סוף איז אָבער געווען גאנץ אנדערש. די חסיד'ישע פויערים האָבען פארלוירען זייער גאנץ פארמעגען און די גאנצע אידעע פון רבי'ן מיט זיינע גאָלדענע חלומות זענען אוועק מיט'ן רויך. די חסידים זענען זיך צולאָפען און האָבען באשולדיגט דעם רבי'ן אין זייער דורכפאל, און די גאנצע ערד וואָס זיי האָבען געקויפט איז אריבער צום נאַ־ציאָנאל פאָנד. און דער רבי? דער רבי האָט אויך געמוזט פארלאָזען דאָס הייליגע לאנד און איז גע־וואָרען א וואנדערער מיט'ן שטעקען אין דער האנד ווי אין די אמאָליגע גוטע יאָהרען . . . זיין איינציגע האָפנונג איז איצטער, געהאָלפען צו ווערען פון די אידישע מנדבים דאָ אין אמעריקא.

די פראגע איז, וואו איז אייגענטליך דער פעה־לער פון רבי'ן? וואָס האָט גורם געווען אז דער רבי מיט זיינע חסידים זאָלען אזוי טיעף פאלען?

עס איז א דבר הידוע אז די ציוניסטען וואָס האָבען אויסגענוצט דעם רבי'ן אלס אן אדווערטייז־מענט פאר זייער אייגענעם צוועק, האָבען שפּעטער נישט געוואָלט שטיצען דיעזע חסיד'ישע קאָלאָניזא־ציע, ווייל בכן, זיי שטיצען נור זייער מין, ווי ראדיקאלען, מארקס'ס תלמידים וכדומה. דער רבי מיט די חסידים זיינען טאקע גוט געווען, אָבער נאָר פאר זייער אייגענעם צוועק, נעהמליך דעם ציוניזם א הויב־אויף צו געבען, אָבער אזוי באלד ווי עס איז דער קאָלאָניזאציע געגאנגען מיט דער פוטער אראָפּ איז מען אויס־מחותנים מיט זיי געוואָרען. עס איז שוין אן אלטער כלל „אז מ'גיט א קראַץ דעם רוס דערזעהט מען דעם טאָטער".

וואָס האָט דאָרט אייגענטליך דאָך געפעהלט אז די גאנצע זאך זאָל נישט קומען צו אזא מיזע־ראבעלען מעמד? יא, עס האָט געפעהלט „ישוע המשיח". ווען די ציוניסטען וואָלטען געהאט ישוע המשיח אין זייערע הערצער וואָלטען זיי נישט גע־קאָנט איבערלאָזען דעם רבי'ן מיט זיינע חסידים אויף הפקר כאָטש זיי זענען נישט קיינע סאָציא־ליסטען אָדער מארקסיסטען. הערט אָקאָרשט וואָסארע געבאָט ישוע המשיח האָט געגעבען צו זיינע תלמידים אין מתתיהו ה':

„איהר האָט געהערט אז עס איז געזאָגט גע־וואָרען דו זאָלסט דיין חבר ליעבען און דיין פיינד האסען, אָבער איך זאָג אייך ליעבט אייערע פיינד, בענשט די וואָס שעלטען אייך, טהוט גוטעס די וואָס האסען אייך, בעט פאר די וואָס בעליידיגען אייך, כדי איהר זאָלט זיין קינדער פון אייער פאָטער אין הימעל, וואָרום ער לאָזט זיין זון שיינען אויף שלעכ־טע אזוי ווי אויף גוטע. ער לאָזט רעגענען איבער די גערעכטע און אונגערעכטע. וואָרום ווען איהר וועט נור ליעבען די וואָס ליעבען אייך וואָס פאר א שכר האָט איהר . . . טהון נישט די גוים אויך אזוי?

אוי ווי נויטיג דארפען אידען האָבען דעם הייליגען משיח אין זייער הארץ, זיך לאָזען פיהרען פון זיין לעהרע! דאמאָלס וואָלטען אידען געהן מעלה מעלה על דרך האמת והשלום! די גאנצע וועלט וואָלט געעהרט און געשעצט די אידען איבעראל.

---

## בית שר שלום

קאָרנער טרופּ עוו. און וואָלטאָן סטריט, ברוקלין, נ.י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

זאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

מאָנטאג נאכט, 8 אוהר - - - טעסטאמאָניעל מיטינג

---

**איהר זענט דאָך א איד, טאָ וואָרום זאָלט איהר ניט ווייסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמ־לונגען פרייטאג און זונטאג 8 אוהר אבענד, וועל מיר דאָס אייך ערקלערען.**

בין איך תמיד בערייט געווען צו העלפען בלב ונפש.

איך האב די מענשען געלערענט אויף גאט צו פארטרויען און אלע מענשען גלייך צו ליעבען און יעדענס רעליגיאן צו אכטען און רעספעקטירען. ווען איך האב אבער יענע גראבע שטימע דערהערט, ווי גוים (קיינע קריסטען) פערשפרייטען האס צווישען מענשען, טראכטען אוים בלבולים אויף אונשולדיגע אידען, דא האט מיין הערץ אנגעהויבען צו ציטערן. איך האב אנגעהויבען צו פעראכטען די קריסטליכע רעליגיאן בכלל ניט וויסענדיג דעם אונטערשיעד פון אמת'ע קריסטען צו אזאלכע וואס טראגען נאר דעם נאמען קריסט. מיט'ן קריסטענטום גופא, מיט זיין מקור, מיט'ן „נייעם טעסטאמענט," בין איך לחלוטין אומבעקאנט געווען, נור דורך א צופאל בין איך מיט איהם בעקאנט געווארען. ס'איז געווען בשעת דעם שוידערליכען בלוט־בלבול אין „טיסא עסלאר" וועלכעס האט מיך מיט איהם אין בעריהרונג געבראכט.

ווי בעקאנט האט די טיסא עסלאר געשעהעניש ארויסגעלאזען אלע אידען האסער פון זייערע לעכער און ווינקעלעך. גרויס איז געווען דער האס פון די אנטיסעמיטען און אידען־פרעסער, פשוט, להשמיד ולהרוג, חלילה. עס זיינען אבער אויפגעשטאנען אנגעזעהענע און גוט בעקאנטע קריסטען וואס האבען גענומען פראטעסטירען געגען די אידען־פרעסער. זיי האבען אין זייערע שריפטען מיט פ י י ע ר ד י ג ע רייד באוויזען ווי עקעלהאפט די אנטיסעמיטישע באשולדיגונגען זיינען געגען אידען. יא אין יענע שריפטען וואס האבען אידען אין שוץ גענומען, האב איך געלעזען אזאלכע שטעלען אין וועלכע ישוע און זיין עוואנגעליום איז בעצייכענט אלס „ליעבע און שלום" פאר אלע פעלקער צוגלייך.

זייענדיג ערשטוינט איבער אזאלכע ציטאטען, האב איך מיט א ציטערדיגער האנד פון א ווינקעל ארויסגענומען א ברית חדשה וואס איך האב מיט יאהרען צוריק געהאט אוועקגענומען ביי א העברעאישען לעהרער כדי ער זאל עס ניט לייענען. און איך האב אנגעפאנגען צום ערשטען מאל אין מיין לעבען צו בלעטערען זיינע זייטליך. און ווי קען איך דען גאר בעשרייבען דעם איינדרוק וואס דאס בוך האט דאמאלס אויף מיר געמאכט! וואונדערבאר! און וואס מעהר איך האב דאס דאזיגע בוך געלייענט אלץ מעהר האט עס מיך פאראינטערעסירט. ביז איך האב פלוצים דערשפירט אז איך געפין זיך אין א נייער וועלט. ארום מיר האט געשיינט ליכט און לעבען. איך האב זיך אזוי גוט און פריש געשפירט ווי א שוואער־קראנקער ווען זיינע כחות קומען איהם צוריק ווי א געפענטעטער ווען ער ווערט באפרייט פון זיינע קייטען. פון יעדען ווארט האט ארויסגעשיינט ליכט, האפנונג, קראפט און ליעבע. אין דיעזען „ספר הספרים" האב איך געפונען א באלזאם פאר איטליכער נשמה־שמערץ, און היילונג פאר יעדער מאראלישער קראנקהייט.

דאך איז די אידישע טראגעדיע איבעראל אין דער וועלט נאך אימער גרויס, און איז בלי שום ספק נור צוליעב דעם אידענס פערהאלטען זיך בנוגע צו ישוע המשיח. אין דער צייט ווען ישוע שטעהט „לנס עמים", (ישעיה י"א, 10) שטעהט דער איד אן א זייט אנגע'ברוגז'ט, און אין כעס אויף איהם, „על לא חמס עשה ולא מרמה בפיו". (ישעיה נ"ג) און אזוי אויך אויף אלע וואס גלויבען אין איהם.

„טרויעריגע און שמערצרייכע יאהרען האב איך איבערגעלעבט זינט איך בין ארוים אין דער עפענטליכקייט פאר'ן אמת בישוע המשיח. פון די גדולי הדור ווער איך באקעמפפט. פון דער אידישער פרעסע בין איך פערלוימדעט און מיט שמוץ באווארפען. זיי פער'מסר'ן מיך פאר מיינע פריינד אלס א רשע און אן אויסוואורף. א אידישער רעדאקטער האט אפילו געהאט די חוצפה (ווי תמיד) מיך צו ענטשולדיגען אלס א משוגע'נען.

„מ'שרייבט מיר צו אז איך האב פארקויפט מיין געוויסען, און אז פאר געלד זוך איך אויך אנדערע אבנארען. געוואלט! ווער האט ווען עס איז אזא זאך געהערט! וואס בארעכטיגט זיי צו אזא שענדליכען לשון הרע?

„פיער און דרייסיג לאנגע יאהר האב איך געווירקט אלס רב; איך בין בכבוד אלט און גרוי געווארען — אט דא בין איך, זאל ווער קומען און זאגען אויב איך האב אימיצען אומרעכט געטהון? אויב פון אימיצען שוחד גענומען? . . . אלעם וואס מ'צייגט און מ'ווארפט מיר פאר, איז, אז איך גלויב אין דעם געקרייציגטען. אבער ווער קאן דען וואגען צו לייקענען די „כתבי הקודש" וואס זאגען אונז אז ישוע איז אונזער הייליגער משיח!

איך זעה אבער קומען א טאג, ווען דער איד וועט איינזעהן זיין טעות און וועט איהם קרוינען צום קעניג איבער זיך.

ביז יענער טאג וועט אבער קומען וועל איך מיט אלע מיינע כחות אויסרופען:

„התנערי מעפר קומי, לבשי בגדי תפארתך עמי
על יד בן ישי בית הלחמי קרבה אל נפשי גאלה"

**שיקט אונז צו 25 סענט אין סטעמפס, וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאס איז א גרויסער בארגין.**

דיעזע ווערטער דארפען קיינע פרושים, מ'זעהט בחוש אז זיי זיינען געזאגט געווארען פון אזעלטענע גרויסען איד וועמעס נשמה האט געקלאפט מיט ליעבע צו ישראל דורך ישוע המשיח, ית"ש."

דער מוסר השכל איז: אז דיעזע אמונה אין ישוע המשיח איז גוט אין פריידען און חלילה אין ליידען, אין דער יוגענד אזוי ווי אויף דער עלטער, אויף דער וועלט און נאך פיעל מעהר אויף יענער וועלט. דיעזער גלויבען גיבט כח דורכצולעבען די גרעסטע יסורים און ליידען, עס שאפט אין הארצען אזא מין שמחה וואס איבערזיעגט אלערליי שונאים און צרות, ווייל מ'זעהט א נייע ליכט פון גאט ב"ה אין ישוע המשיח, און אז מ'האט דאס הייליגע ליכט איז מען ניט אין דער פינסטער, מ'האט קיין מורא און מ'באגעהט נישט קיין זעלבסטמארד.

## „אדני יהוה דבר מי לא ינבא"

עמוס ג', 8,

דאס איז געווען די שטים פון נביא עמוס צום פאלק ישראל. דאס בארעכטיגט זיין שטראפען און באלערנען. אויף דער טענה פון אמציה דער כהן פון בית אל צו איהם, זאגענדיג — אנטלויף פון דאנען נאך ארץ ישראל, גיי דארט עס ברויט, דארט קאנסטו אויך נביאות זאגען — האט עמוס געענטפערט: ווען גאט רעדט, ווער זאל דען ניט נביאות זאגען?

אייגענטליך, האט זיך דען דאס פאלק ישראל נישט פארדיענט די שטראפרייד פון דעם נביא? האבען זיי זיך נישט באנויטיגט אין זיין באלעהרונג?

דער ענטפער איז, אז יא, זיכער האבען זיי זיך גענויטיגט אין דעם נביא עמוס. מיר וויסען אין וואסארע נידערגעשלאגענעם צושטאנד דאס פאלק ישראל האט זיך געפונען אונטער די הערשאפט פון ירבעם. געצענדיענסט, זנות און רציחה האט דאס לאנד איבערגעפילט. שטעלט זיך דאך די פראגע: טא פארוואס האבען זיי איהם נישט געוואלט הערען? פארוואס האבען זיי איהם פארפאלגט און פאריאגט?

עס איז שוין אן אלטער קימא לן — די וואס ליעבען צו טהון דאס שלעכטע ליעבען עס נישט צו הערען. די ערגסטע פארברעכער וואס טהון מיט אייפער און ליעבע זייער פארברעכען, האבען אבער זעהר פיינד דאריבער געטאדעלט צו ווערען, און ווען זיי זענען ניט אומשטאנד צו קעמפפען געגען דעם אמת, איז אבער פיעל גרינגער פאר זיי צו קעמפפען געגען די וואס פראקלאמירען עס. דאס איז די גרויסע טראגעדיע אין אונזער ביבעל־געשיכטע. נישט נור האבען מיר אבגעווארפען דאס נביאות, נייערט אויך פארפאלגט און פאריאגט — טיילוויז אויך ביז'ן טויט — די טרעגער פון נביאות, די נביאים גופא.

דאס איז אויך געווען די אורזאכע ווארום דאס פאלק ישראל האט נישט געוואלט הערען דעם נביא עמוס און איהם געהייסען גיין ווייטער . . .

דער נביא האט אבער זיי געענטפערט: „איך בין קיין נביא און אויך נישט א זוהן פון א נביא נייערט א היטער פון רינדער בין איך געווען . . . אבער גאט האט מיך אוועקגענומען פון די שאף און האט צו מיר געזאגט, גיי און זאג נביאות צו מיין פאלק ישראל און איצטער הערט דאס ווארט פון גאט. ריכטיג איך בין נישט פון פאך קיין נביא, איך האב נישט דורכגעמאכט קיין נביא'שע שולע, דאס אלעס שליסט אבער ניט אוים אז איך האב קיין רעכט צו קומען צו אייך מיט דעם דבר ד'. די שטימע פון גאט האב איך געהערט און ווי אזוי קאן איך שווייגען און נישט רעדען. „אריה שאג מי לא יירא אדני יהוה דבר מי לא ינבא". ד"ה, ווען א לייב שרייט ווער זאל קיין מורא האבען, ווען דער האר גאט רעדט ווער זאל נישט נביאות זאגען.

ווען מיר אידען מאמינים בישוע המשיח קומען צו אונזערע אידישע ברידער פראקלאמירענדיג גאטס ווארט, אנווייזענדיג אויף ישוע מנצרת אלס אונזערען גואל און משיח ד' אויף וועלכען ישעיה הנביא האט נביאות געזאגט אין קאפ. נ"ג: „והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלמינו עליו ובחבורתו נרפא לנו", ווען מיר קומען צו אייך מיט דער בשורה טובה כדי יעדער וואס גלויבט אין איהם זאל ניט פארלוירען גיין נייערט האבען דאס אייביגע לעבען, ווערען מיר אפט געפרעגט אזוי ווי עמוס איז דאמאלס געפרעגט געווארען: ווער בעדארף אייער שטראף און אייער באלעהרען? ווער זענט איהר און ווער דארף אייך? ווער דארף וויסען וואס די נביאים זאגען און וועמען זיי האבען געמיינט?

מיר זאגען אבער: פארוואס נישט רופען! פארוואס נישט וועקען! נויטיגט איהר אייך דען נישט

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. X. No. 3 — 50 CENTS A YEAR — NOVEMBER, 1927


## אן אלטער רב באגעהט זעלבסטמארד

אין דעם שטעדטעל גראדזיסק, ביי ווארשוי, איז געזעסען אויף דער כסא רבנות דער 75־יעהריגער רב מאליניצקי פאר גאנצע 48 יאהר. ער איז ווי געוועהנליך געוועזן דער גייסטיגער פיהרער פון יענער שטאדט און איז דארט געזעסען בדרך כבוד.

פלוצים האבען זיך דארט א קלאס אידען ארגאניזירט, וועלכע זענען געוועזן געגען דעם רב, און לעצטען ווינטער האבען זיי אהין געברענגט א רבי, א נייעם פיהרער, כדי דעם אלטען רב פון דארט צו פארטרייבען. דער רבי האט אפנים שטארק חשק געהאט דאס רבנות פאר זיך צו באקומען און אז דער רבי וויל א זאך, ארבייטען שוין דאפיר די חסידים מיט אלע כחות, יהיה מה שיהיה, און זיי וועלען שוין דאס זייעריגע אויספיהרען, בעזאנדערס ווען עס איז פאר'ן „רבי'ן זאל לעבען".

אין א געוויסען שבת איז דער אלטער רב אריינגעגאנגען צום נייעם רבי בשעת ער האט געפראוועט דעם „טיש", האבען איהם דעם רבי'ס חסידים שטארק בעליידיגט און צולעצט גאנץ פשוט אויך ארויסגעווארפען. דער רבי האט דאס אלעס צוגעקוקט און געשוויגען. דער אלטער רב מאליניצקי איז דאמאלס אהיים געגאנגען און האט זיך צו־וויינט ווי א קליין קינד. די שרעקליכע בעליידיגונג האט אין איהם אויפגעטרייסעלט יעדען נערוו. עס האט איהם שטארק געדריקט ביים הארצען און עס האט איהם אזוי צושראקען, אז ער פלעגט אפילו מורא האבען אירגענדוואו אליין צו בלייבען, אזוי דערקוטשעט און גע'רודפ'ט האבען איהם יענע חברה. די מחלוקה איז אזוי ווייט געגאנגען, אז וואס דער אלטער רב האט גע'פסק'עט כשר האט דער נייער רבי געזאגט טרפה און אזוי אויך פארקעהרט.

און וויל דער אלטער רב האט דאס שוין לגמרי מעהר נישט געקאנט דערטראגען, האט ער זיך אין א שעהנעם טאג ארויסגעווארפען דורכ'ן פענסטער פון צווייטען שטאק אין גאס אריין און ער איז אויפ'ן צווייטען טאג אין גרויסע יסורים געשטארבען.

אודאי איז די טהאט פון אלטען רב גופא נישט לויבענס־ווערטה און שטארק צו באדויערען, דאך זענען יענע אידען וואס האבען דעם אלטען רב געבראכט צו זיין טהאט פיעל מעהר צו טאדלען און צו בלאמירען פאר דער טרויעריגער טראגעדיע אלס דעם רב גופא און דאס וועט בלייבען א פלעק אויף זייער נשמה ביז . . . יא, ביז זיי וועלען אמאל באגעגענען זייער בורא, וואו זיי וועלען דערפאר מוזען אפגעבען דין וחשבון.

אט איבער אזאלכע כאראקטער־שטריכען ביי אידען לייענען מיר מיט טרויער און באדויערען. עס פרעגט זיך, וואס פאר א מין אידישקייט איז דאס? ערשטענס ווי קומען אידען צו פארפאלגען



הרב הגאון ר' יצחק ליכטענשטיין, זצ"ל.

א רב א תלמיד חכם וואס איז געזעסען על התורה ועל העבודה פאר גאנצע 48 יאהר, אויב זיי האבען אין זיך א פונק פון געטליכקייט, ווי איז עס דען מעגליך אז זיי זאלען אזוי שטארק מצער זיין א איד וואס האט געווידמעט זיין גאנץ לעבען צו זיין פאלק און צו דער אידישער אמונה. צווייטענס, וואסארע מין רבי איז דאס ווען ער זעהט ווי זיינע חסידים פארפאלגען דעם אלטען רב, דעם מרא דאתרא, און זאל שווייגען. און דריטענס, איז לגמרי שווער צו פארשטעהן אויך דעם רב'ס שטעלונג צו זיין אמונה, נעווים האט ער געהאט יסורים אויסצושטעהן, אבער זענען דען זיינע יסורים און צרות גרעסער געוועזן אלס די וואס איוב האט געהאט? ווארום האט ער נישט געזאגט אזוי ווי איוב האט אמאל געזאגט: „הן יקטלני לו איחל", ד"ה, אפילו מ'וועט מיך הרג'ענען וועל איך דאך צו איהם (גאט) האפען. (איוב י"ג.)

אט א דא ליגט דער סוד פון דער אמת'ער אמונה. איוב האט געהאט די אמונה אין דעם גואל אזוי ווי ער זאגט אין קאפיטעל י"ט: „ואני ידעתי גאלי חי ואחרון על עפר יקום", און ווען מ'האט דעם גואל צדק אין הארצען מעגען קומען אלע טייוואלים און מלאכי חבלים וועלען זיי נישט קענען אויסרייסען יענע זיסע האפנונג און שטארקען גלויבען וואס איז אין יענעם הערץ פאראן אז דורך דעם משיח צדקנו האט מען חיי עולם און מען איז א בן עולם הבא.

יענע חברה אידען וואס האבען זיך בעטייליגט אין די אכזריות'דיגע רדיפות פון דעם רב מאליניצקי האבען דאס נישט געטהון לשם שמים נייערט פאר אייגענעם כבוד וועגען, זיי האבען געזוכט כבוד פאר זיך און פאר זייער רבי און פאר זייער גאנצער חברה, אבער דער וואס גלויבט אין הייליגען משיח זוכט קיין כבוד פון מענשען נייערט ער זוכט צו געפעלען גאט ב"ה, אזוי ווי די ערשטע גלויביגע אידען אין ישוע המשיח האבען געטהון און אזוי ווי אזאלכע אידען יראים ושלמים מאמינים בישוע המשיח טהון אויך היינט.

אט וועלען מיר אייך ליעבע לעזער געבען א ביישפיעל, נאר איינס פון פיעלע אנדערע, ווייל מיר קענען נישט פיעל שרייבען אין דיעזען קליינען „רעה ישראל". אזוי ווי מיר האבען דא צו טהון מיט א פארפאלגטען אלטען רב, וועלען מיר איהם קאנטראסטירען מיט אן אנדערען אלטען רב, מיט הרב הגאון ליכטענשטיין פון בודאפעסט, אונגארן, וועמעס בילד מיר שטעלען אויף דער זייט, וועלכער איז אויך געוועזן רב פאר לאנגע 34 יאהר, ער האט אויך שטארק געליטען אי פון זיין חברה און אי פון אנדערע רבנים פון אונגארן, יא אפילו פון זיינע אייגענע קינדער, און דאך איז ער נישט באגאנגען אזא שרעקליכע טהאט ווי דער רב מאליניצקי, ווייל הרב ליכטענשטיין האט געהאט ישוע המשיח אין זיין הארצען און דאס האט איהם געגעבען כח אלע רדיפות איבערצוטראגען. אט וואס דער גאון זעלבסט שרייבט וועגען דעם ענין:

„דער וואס איז בעקאנט מיט מיין טהעטיגקייט אלס רב אין די לעצטע 34 יאהר, וועט האפענטליך אונפארטייאיש אויף מיר עדות זאגען אז איך האב די רייכע קיין „מה יפית" געזונגען, די ארעמע אבער


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

ENTERED AS SECOND CLASS MATTER APRIL 14, 1922, AT THE POST OFFICE AT BROOKLYN N. Y., UNDER THE ACT OF MARCH 1, 1897.